**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/14/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## נאכפאלגנדיג אטאקע אויף העלט קעיר ביי געבורט פון קינדער, פארשפרעכט גאווערנער האקול צו קעמפן צו באשיצן די רעכט צו אן אבארשען

***גאווערנער שליסט זיך אן מיט אטוירני דזשענעראל דזשעימס, סענאטארשע דזשיליבראנד און מאיאריטעט פירערין סטוארט-קאזינס צו צוריקקעמפן קעגן אטאקעס אויף פונדאמענטאלע רעכטן פון פרויען***

***סטעיט זאמלט אן 150,000 דאזעס פון Misoprostol, ארבעטנדיג צו נאך מער באשיצן צוטריט צו אבארשען דורך מעדיצין***

נאכפאלגנדיג מערערע אטאקעס אויף די צוטריט צו אבארשען – אריינרעכענענדיג א פעדעראלע געריכט אורטייל אין טעקסאס וואס באגרעניצט צוטריט צו אבארשען מעדיצין און פלארידע אריבערפירנדיג א פארבאט אויף אבארשען נאך די 6'טע וואך – האט זיך גאווערנער קעטי האקול אנגעשלאסן מיט אטוירני דזשענעראל לאטישע דזשעימס, סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד, סטעיט סענאט מאיאריטעט פירערין ענדריע סטוּארט-קאָזינס און מיט אנדערע לעגיסלאטיווע און שתדלנות פירער צו פארשפרעכן צו פארזעצן דעם קאמף צו שיצן אויף די רעכט צו אן אבארשען.

"די וואך איז געווען א טונקעלע וואך פאר פרויען אריבער די גאנצע לאנד," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אין די צייט אנטי-אויסוואהל עקסטרעמיסטן גלויבן אז זיי דארפן זיין די וועלכע באשלוסן וואס עס איז דאס בעסטע פאר אייער געזונטהייט, וועל איך קיינמאל נישט אויפהערן צוריק קעמפן – שטייענדיג אקסל ביי אקסל מיט אונזערע פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע שותפים – צו זיכער מאכן אז אבארשען בלייבט זיכער, לעגאל און צוגענגליך אין אונזער לאנד. צו יעדער איינער וואס דארף אנקומען צו העלט קעיר אין א נושא ארום קינדער געבורט: ניו יארק וועט אייך שטענדיג ענטפאנגען מיט אפענע ארעמעס."

**אטוירני דזשענעראל לאטישע דזשעימס האט געזאגט,** "דא אין ניו יארק גלויבן מיר אז ווען עס רעדט זיך פון אייער קערפער דארף עס שטענדיג זיין אייער באשלוס וואס צו טוהן. אין די צייט וואס מענער ריכטער און גאווערנערס ארום דאס לאנד פרובירן צו אוועקנעמען די רעכט צו מאכן אן אייגענעם באשלוס, בלייבן מיר שטייף מיט אונזער שוץ פון ניו יארקער'ס רעכט אויף זייער אייגענע קערפער, און מיר וועלן טוהן אלעס אין אונזערע כוחות אלץ פירער פון די געוועלדיגע סטעיט צו זיכער מאכן אז יעדער באקומט די קעיר וואס זיי דארפן. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט ביים באשיצן צוטריט צו אבארשען, און מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן צוזאמען צו פארטיידיגן די פרייהייט ביים געבוירן קינדער פאר אלע וועלכע וואוינען און פארן דא."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "די פרייהייט ביים געבוירן קינדער און די פרוי'ס רעכט אויף איר אייגענע קערפער זענען אונטער אטאקע איבערן לאנד, און דאס איז די סיבה פארוואס ניו

יארק האט אונטערגענומען שטארקע שריט צו באשיצן די רעכטן פון פאציענטן, צו באפולמעכטיגן פרויען העלט קעיר פראָוויידערס און צו פארבלייבן א זיכערע האפן פאר די וועלכע ווענדן זיך פאר פרויען העלט קעיר. איך בין דאנקבאר צו האבן שותפים ווי גאווערנער האקול, אטוירני דזשענעראל דזשעימס און מאיאריטעט פירערין סטואַרט-קאַזינס אין דעם קאמף. יעדער איינער דארף האבן די רעכט צו מאכן באשלוסן איבער זייער אייגענע קערפער און איבער וואס עס איז די בעסטע פאר זייערע פאמיליעס און פאר זייער אייגענע געזונטהייט, און איך בין אנטשלאסן צו טוהן אלעס אין מיינע הענט צו טרעפן נאך לעגיסלאטיווע לייזונגען צו היטן אויף די צוטריט צו העלט קעיר ארום קינדער געבורט."

**סענאט מאיאריטעט פירער ענדריע סטואַרט-קאַזינס האט געזאגט,** "די דעמאקראטישע מאיאריטעט אין די סענאט איז איבערגעגעבן צו באשיצן די רעכטן פון פרויען און פארזיכערן גלייכע צוטריט צו העלט קעיר מיט אלעס וואס האט צו טוהן מיט קינדער געבורט. מיר האבן ערגרייכט באדייטנדע עררייכונגען, אריינרעכענענדיג דאס אריבערפירן דעם היסטארישן 'קינדער-געבורט געזונטהייט געזעץ' (Reproductive Health Act) און דאס אריבערפירן שטארקע געזעצן אין אנטווארט צו דעם וואס די Roe v. Wade אורטייל איז איבערגעדרייט געווארן. ניו יארק האט אויך אויפגעוויזן אז ווען מיר האבן פרויען אין פירערשאפט וועלכע פארשטייען די עכטע השפעה וואס די אנגעלעגנהייטן האבן, ווערן עכטע שריט אונטערגענומען צו באשיצן אונזערע רעכטן. דאס איז די סיבה פארוואס איך האב אויפגעשטעלט די ערשטע סענאט קאמיטע אויף פרויען'ס אנגעלעגנהייטן (Committee on Women's Issues), אונטער די פארזיצערין סענאטארשע ליע וועב, צו העלפן פאראויס טרייבן די באמיאונגען. מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול און מיט אירע אליאירטע אין רעגירונג צו גאראנטירן אז ניו יארק סטעיט פארבלייבט א לייכטורעם פון קינדער-געבורט גערעכטיגקייט."

**סטעיט סענאטארשע ליז קרוגער האט געזאגט,** "פון בעפאר די אריגינעלע Roe אורטייל איז ניו יארק סטעיט געווען א פירער ווען עס איז געקומען צו באשיצן די רעכטן פון אלע מענטשן צו מאכן זייערע אייגענע העלט קעיר באשלוסן ארום דאס האבן קינדער. א מערהייט פון אמעריקאנער זענען מסכים אז אבארשען איז העלטקעיר, און ווען וואלן ווערן אפגעהאלטן איבער אבארשען און אמעריקאנער ווערן געגעבן די מעגליכקייט צו אויסוועהלן, שטימען זיי פאר פרייהייט ביים געבוירן קינדער. אבער רעכט-געשטימטע עקסטרעמיסטן אין די געריכטן, אין גאווערנער'ס פאלאצן און אין לעגיסלאטורן ארום דאס לאנד זענען אנטשלאסן זיך צו ערהוילן פון די אמעריקאנע מענטשן צו ארויפצווינגען זייער אנטי-פרויען אגענדע פון געצווינגענע קינד געבורט. ניו יארק סטעיט מוז און וועט טוהן אלעס וואס מיר קענען צו זיכער מאכן אז מיר באשיצן די רעכטן פון ניו יארקער און אלע וועלכע זענען דא געקומען פאר פרויען העלטקעיר באהאנדלונגען."

**אסעמבלי מיטגלידערין קארינס רייס האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול און אטוירני דזשענעראל דזשעימס פאר זייער פירערשאפט אין די צייט וואס פרויען'ס פונדאמענטאלע רעכטן און צוטריט צו אבארשען מעדיצינען זענען אונטער אטאקע. די שריט זענען גוטע ערשטיגע שריט זיך צו קעגנשטעלן קעגן די לעצטיגע פעדעראלע געריכט אורטיילן וועלכע דראעהן אויף א קריטישן אופן די געזונטהייט און וואוילזיין פון ניו יארקער. איך קוק ארויס צו ארבעטן צוזאמען מיט זיי אזוי ווי די פאליסיס ווערן דורכגעפירט און אויף די אנטוויקלונג פון נייע פאליסי ציהלן וועלכע וועלן פארזיכערן פולשטענדיגע צוטריט צו העלט קעיר ביים האבן קינדער פאר אלע וועלכע פאררופן אונזער סטעיט זייער היים."

זינט די פאראייניגטע שטאטן סופרים געריכט האט ארויסגעגעבן די Dobbs אורטייל לעצטע יאר, אוועקנעמענדיג פרויען'ס רעכטן פון מיליאנען, איז גאווערנער האקול געשטאנען אין שפיץ פונעם קאמף צו פארזיכערן צוגענגליכקייט פאר אלע וועלכע ווענדן זיך פאר אבארשען קעיר. אין צוגאב צום אויפשטעלן א לאנד'ס-פירנדע 35 מיליאן דאלארדיגע קאסע צו שטיצן אבארשען קעיר, האט גאווערנער האקול אויך געארבעט מיט די לעגיסלאטור צו אריבערפירן זעקס נייע לאנד'ס-פירנדע געזעצן צו באשיצן און שטיצן פראָוויידערס און פאציענטן.

גאווערנער האקול האט אנאנסירט פריער די וואך אז די סטעיט וועט אנזאמלען די אבארשען מעדיצין Misoprostol אלץ טייל פון די אנגייענדע באמיאונגען צו באשיצן צוטריט צו אבארשען. אונטער די גאווערנער'ס באפעל וועט די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט אנהויבן אויף א באלדיגן פארנעם צו איינקויפן Misoprostol כדי צו אנזאמלען 150,000 דאזעס – א סופליי וואס איז גענוג פאר פינף יאר – כדי צו נאכקומען די ערווארטעטע באדערפענישן. גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט אז אויב די אבארשען מעדיצין Mifepristone ווערט אראפגענומען פון די מארקעט, וועט די סטעיט צוזאגן נאך 20 מיליאן דאלאר פאר פראָוויידערס צו שטיצן צוטריט צו אנדערע שיטות פון קעיר.

כדי צו נאך מער היטן אויף צוטריט צו אבארשען מעדיצין, ארבעט גאווערנער האקול אויך מיט די לעגיסלאטור אויף נייע געזעצן צו פאדערן פון פריוואטע אינשורענס פירמעס צו דעקן Misoprostol ווען עס ווערט פארשריבן פאר אבארשען באנוץ וואס איז נישט די אפיציעלע באנוץ פון די מעדיצין, און צו זיכער מאכן אז קיין איין פראָוויידער ווערט נישט איינגעמאנט העכערע מעדיצינישע 'מעלפרעקטיס' אינשורענס ראטעס אדער פארלוסטן אינשורענס צוליבן פארשרייבן Misoprostol פאר אבארשען.

אין צוגאב צום אנזאמלען אבארשען מעדיצין, האט גאווערנער האקול אויך פארגעשלאגן עטליכע שריט צו באשיצן צוטריט צו אבארשען קעיר און צו שטיצן אבארשען פראָוויידערס אלץ טייל פון איר פארגעשלאגענע עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024, אריינרעכנענדיג פארברייטערן צוטריט צו אבארשען אויף SUNY און CUNY קאמפוסן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן